Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פּרייז 20 גראשען

הײנט 8 זײטען

# נײער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטײאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צײטונג

Nr. 160 (852) | Łódź, Wtorek 13 Lipca 1926 | פירטער יאָרגאַנג | לאָדז דינסטאָג ב אב תרפ"ו. | Nr. 160 (852)

24-71 .אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21. טעל || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24 71


# אפּמאַך מיט ענגלאַנד וועגן פראַנצויזישע חובות

# אַנ'אַרבײטער געשאָסען אַ יודישען פאַבריקאַנט אין לאָדז.

לאָנדאָן, 12 (פּאַט) הײנט נאָכמיטאָג איז אין דער געבײדע פון דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע פאָרגעקומען אַ בעראַטונג צווישען דעם פראַנצויזישען פינאַנץ-מיניסטער קאַיאָ מיט'ן פינאַנץ-מיניסטער טשערטשיל.

לאָנדאָן, 12 (פּאַט) 7 אין אָוונד האָבען קאַיאָ און טשערטשיל אונטערגעשריבען אַנ'אָפּמאַך וועגען די פראַנצויזישע חובות. דער טעקסט פון'ם אָפּמאַך וועט פעראָפענטליכט ווערען מאָרגען אין אָוונט.

## פאָזיטיווער האַנדעלס-בילאַנס אין יוני.

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש) לויט פראָוויזאָרישע אויסרעכנונגען ווײַט דער האַנדעלס-בילאַנס פאַר יוני אַרויסווײַזען אַנ'איבערפלוס פון 80 מיליאָן זלאָטעס.

צום דאָזיגען שטאַנד פון'ם האַנדעלס-בילאַנס האָט שטאַרק מיטגעווירקט דער קויהלען אַרויספיהר, וואָס האָט דערגרייכט די רעקאָרד ציפער פון 1,400.000 טאָן.

---

## שרעקליכער מאָרד אין לאָדז.

נעכטען האָט, אין לאָדז, דער אַרבײטער חלאַדיסלאַח יאַבלאָנסקי געשאָסען דעם י. פאַבריקאַנט דאַבראָניצקי.

(פּרטים אויף 4. זײט.)

## נישט אײנהײטליך...

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די קאָמיסיע צו קאָנטראָלירען די טעטיגקײט פון די מאָנאָפּאָלען האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פּרײזען פון צוגיסען דעם שפּיריטוס זענען גאַנץ נישט אײנהײטליכע, אַזוי צ. ב. קאָסט אין שעראַדז — 6 גראָשען פון אַ קילאָ און אין וואַרשאָ — 11 (!)

## פראַנצויזישע מפּלות אין סיריען.

פּאַריז, 12 (ספּ. טעל.). לויט ידיעות פון דמשק האָט דאָס פראַנצויזישע מיליטער אין דרום-סיריען צווישען ראַהאַי און באָקאַ געליטען אַ שטאַרקע מפּלה.

אײניגע העכערע אָפיצירען זענען גענומען-געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. די אָפיצירען זאָלען האָבען געהאַט בײ זיך די פּלענער פון די נאָהענסטע פראַנצויזישע אָפּעראַציעס.

---


## ענטשולדיגונג.

כ'בעט ענטשולדיגונג בײ ה' בעריש גרינבערג (פּרעזעס פון די פעראײניגטע יודישע פלײשער) פאַר מײן נישט טאַקטישער האַנדלונג געגען איהם. איך פערזיכער אַז אין דער צוקונפט וועט אַזעלכעס מעהר נישט פאָרקומען. מיט אַכטונג

710 ח. ראַמאַנאָוויטש.

## אכטונג, קאָלאָניאַל-הענדלער!

איהר ווערט אויפגעפאָדערט אַרויסצונעהמען דעם

# צעטעל נומ. 9

וועלכער איז אויסגעאַרבײט דורך דער צווישען-פעראײנס-קאָמיסיע און בעשטעטיגט דורך דעם ליכטוועס-אַמט.

צענטראַלער קלײנהענדלער-פעראײן אויף לאָדזער וואָיעוואָדזטווע זאַוואַדסקע 5.

קאָלאָניאַל-סעקציע.

בעמ.: דערמיט ווערט ערקלערט פאַר אונגילטיג דער צעטעל נומער 8. — גלײכצײטיג פאָדערן מיר אויף אַלע מיטגלידער זײ זאָלען זיך רעגיסטרירען אין סעקרעטאַריאַט וועגען הכנסה-שטײער.

711

# Łódzkie Towarzystwo Elektryczne

**Spółka Akcyjna,**

zawiadamia pp. odbiorców prądu, że stosownie do §§ 75, 80, 81, 82 i 96 uprawnienia rządowego Nr. 12, ceny prądu, obowiązujące pp. odbiorców za miesiąc CZERWIEC 1926 roku, obliczone w walucie obiegowej na dzień 7-go lipca r. b., wynoszą za jedną kilowatogodzinę:

**dla światła 85,80 gr.**

**dla siły 31,78 „**

z opustami, przewidzianemi w §§ 76 i 82 uprawnienia rządowego.

W zależności od terminów zapłaty oraz na zasadzie poszczególnych umów udzielane będą opusty dodatkowe.

701

אתמול ביום ב' ר"ח מנחם-אב (12 יולי) נפטר אחרי מחלה קצרה וכבדה בשנת הששים לימי חייו בלתי נשכח

נ. ע.

# יוסף דניאל (ב"ר) ז"ל דאבראניצקי

בעל בית החרשת בלודז.

הלויה תהי' היום ביום ג' בשעה ה-3 אחה"צ מבית האבל פעטריקאווער 42,

המודיעים בצער עמוק בתו ומשפחתו.

